**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/13/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עפענונג פון ניו יארק'ס ערשטע-אין-לאנד 200 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג גרענט פאר יונגע ביזנעסער באטראפן דורך קאוויד-19**

***שטעלט צו הילף פאר יונגע קליינע ביזנעסער און ביזנעסער אין פריע שטאפלען זיך צו ערהוילן און וואקסן אין די עקאנאמיע נאכפאלגנדיג פאנדעמיע***

***סטעיט'ס ערפאלגרייכע קאוויד-19 פאנדעמיע קליינע ביזנעסער ערהוילונג גרענט פראגראם וועט פארברייטערן בארעכטיגונג אזוי ווי עס פארטיילט די געלטער וועלכע זענען דא צו באקומען***

***מער אינפארמאציע איבער דעם אינוועסטירונג גרענט פראגראם איז פארעפנטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די אפליקאציעס וועבזייטל פאר דעם אינוועסטירונג גרענט פראגראם (Seed Funding Grant Program) – דער ערשטער פון דעם סארט אינעם לאנד און אוועקגעשטעלט אלץ טייל פון די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023 – וועט זיך עפענען סעפטעמבער 14. דער פראגראם שטעלט צו בויגזאמע גרענטס צו שטיצן קליינע ביזנעסער און ביזנעסער אין פריע שטאפלען אין די ניו יארק סטעיט עקאנאמיע וואס איז נאך אין ערהוילונג. דער פראגראם וועט פארזיכערן אז קליינע ביזנעסער וועלכע האבן זיך געעפנט קורצליך בעפאר אדער דורכאויס די קאוויד-19 פאנדעמיע וועלן האבן די געלטער צו קענען אנגיין ווייטער צו בלייבן אפן און וואקסן.

"דער אינוועסטירונג גרענט פראגראם, דער ערשטער אינעם לאנד, ברענגט די סכום וואס די סטעיט גיבט אויס צו 1 ביליאן דאלאר אין בויגזאמע פינאנצירונג צו שטיצן ביזנעסער אין פריע שטאפלען און אוועקגעשטעלטע קליינע ביזנעסער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארקע ביזנעסער זענען געווען צווישן די וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן אין דעם גאנצן לאנד ביי די הויכפונקט פון די פאנדעמיע, אבער מיט די געלטער, שטרעקן מיט אויס א רעטונגס שטריק זיי צו העלפן פארזעצן צו וואקסן און בלייבן אפן. אפליקאציעס עפענען זיך מארגן, און איך מוטיג אלע ניו יארקע ביזנעס אייגנטימער צו אינגאנצן אויסנוצן און זיין א טייל פון ניו יארק'ס געוואלדיגע ערהוילונג."

דער פראגראם בויט אויף ניו יארק סטעיט'ס עקזיסטירנדע 800 מיליאן דאלארדיגע 'פאנדעמיע קליינע ביזנעסער ערהוילונג גרענט פראגראם' (Pandemic Small Business Recovery Grant Program) וואס האט געברענגט 639 מיליאן דאלאר פאר איבער 35,000 קליינע ביזנעסער זינט עס איז געעפנט געווארן לעצטע יאר, מיט ניינציג פראצענט פון די געלטער האבנדיג געגאנגען צו ביזנעסער אין אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען. אנגעהויבן היינט, וועט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט ( Empire State Development, ESD) לויזער מאכן די באדינגונגען צו זיין בארעכטיגט פאר דעם פראגראם, ערמעגליכנדיג פאר מער קליינע ביזנעסער צו באקומען פון די געלטער דורכן אוועקנעמען די פאדערונג אז ביזנעסער זאלן דארפן ווייזן א פינף און צוואנציג פראצענט פארלוסט אין יערליכע סך הכל רעסיטס צווישן 2019 און 2020. די פארברייטערונג פון בארעכטיגונג קומט אין צוגאב צו פאריגע פראגראם ענדערונגען

צו געוויסע פאדערונגען איבער די סוקסעס און איינקונפט פון די ביזנעס, מיט די ציהל צו צושטעלן סערוויס פאר מער קליינע ביזנעסער. דער פראגראם וואס וועט פארזעצן צו איבערקוקן אפליקאציעס וועלכע ווארטן יעצט צו איבערגעקוקט ווערן וועלן פארמאכט ווערן אזוי ווי די געלטער נוצן זיך אויס, סעפטעמבער 30, 2022.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האָופ נייט האט געזאגט,** "די פאנדעמיע האט געהאט באדייטנדע ווירקונגען אויף אונזער עקאנאמיע, און אונזערע קליינע ביזנעסער זענען געווען צווישן די וועלכע זענען די שווערסטע באטראפן געווארן, באזונדערס אין ניו יארק סטעיט. שטיצן אונזער סטעיט'ס קליינע ביזנעסער איז אייביג געווען א פריאריטעט פאר גאווערנער האקול'ס אדמיניסטראציע, און די שריט וועלכע מיר האבן אונטערגענומען צו פארברייטערן בארעכטיגונג און פארטייֿלן געלטער האבן געהאלפן צאללאזע ביזנעסער בלייבן אויפן וועג צו סוקסעס. דער 800 מיליאן דאלארדיגער פאנדעמיע קליינע ביזנעסער ערהוילונג גרענט פראגראם, און יעצט דער נייער אינוועסטירונג גרענט פראגראם צייכענען אפ פרעצענדענטלאזע שטיצע פאר ניו יארק סטעיט'ס קליינע ביזנעסער און פאר אונזער עקאנאמישע סוקסעס גייענדיג פאראויס."

**__אינוועסטירונג גרענט פראגראם:__**
דער נייער אינוועסטירונג גרענט פראגראם איז אויסגעשטעלט צו שטיצן ניו יארק סטעיט קליינע ביזנעסער און פאר-פארדינסט זעלסטשטענדיגע קונסטווערק און קולטורישע ארגאניזאציעס וועלכע האבן זיך געעפנט פון סעפטעמבער 1, 2018 און ווייטער און זענען געווען אפן פאר צום ווייניגסטנס זעקס חודשים בעפאר דער אפליקאציע איז אריינגעגעבן געווארן. אפליקאנטן מוזן האבן צווישן $5,000 און 1 מיליאן דאלאר אין סך הכל רעסיטס פער יאר ווי אפגעשפיגלט אויף זייער לעצטע פעדעראלע ביזנעס טעקס ריטוירן. מער דעטאלירטע אנווייזונגען קענען געפונען ווערן [דא](#).

גרענטס פאר בארעכטיגט ביזנעסער ווערן אויסגערעכנט לויט זייערע 2020 אדער 2021 טעקס ריטוירנס. ביזנעסער מיט סך הכל רעסיטס צווישן $5,000 און $49,999.99 קענען באקומען $5,000 פער ביזנעס. ביזנעסער מיט סך הכל רעסיטס צווישן $50,000 און $99,999.99 קענען געגעבן ווערן $10,000 פער ביזנעס. ביזנעסער מיט סך הכל רעסיטס צווישן $100,000 און 1 מיליאן דאלאר וועלן געגעבן ווערן צען פראצענט פון זייער סך הכל רעסיטס מיט א מאקסימום גרענט סומע פון $25,000 פער ביזנעס. בארעכטיגטע אפליקאנטן וועלכע האבן נאכנישט אריינגעגעבן א פעדעראלע טעקס ריטוירן קענען באקומען $5,000 פער ביזנעס.

**__פאנדעמיע קליינע ביזנעסער ערהוילונג גרענט פראגראם:__**
ביזנעסער וועלכע האבן אנגעהויבן אבער נאכנישט געענדיגט אויספולן זייער יעצטיגע אפליקאציע פאר דעם פאנדעמיע קליינע ביזנעסער ערהוילונג גרענט פראגראם מוזן אריינגעבן אלע נויטיגע אינפארמאציע ביז 5:00PM אויף סעפטעמבער 30, 2022. אנערקענענדיג די פארשידענע שוועריגקייטן מיט וועלכע קליינע ביזנעס אייגנטימער מוטשענען זיך, שטעלט ניו יארק סטעיט צו פערזענליכע הילף, וועבינארס, א קאָל צענטער און מאטעריאלן אין פערצן שפראכן צו פארזיכערן ברייטערע צוטריט צו די קריטישע געלטער. אין צוגאב וועט די ESD'ס נעטווארק פון מיטארבעטנדע ארגאניזאציעס וועלכע אפפערן שטיצע סערוויסעס פאר נייע ביזנעס אייגנטימער און פאר קליינע ביזנעסער העלפן מיט פאנדעמיע הילף גרענט און הלוואה אפליקאציעס. מער אינפארמאציע קען געפונען ווערן [דא](#).

דער ערפאלגרייכער פאנדעמיע קליינע ביזנעסער ערהוילונג גרענט פראגראם האט א שטארקע רעקארד פון זיכער מאכן אז קריטישע געלטער גייען צו די בארעכטיגטע ביזנעסער וועלכע זענען די מערסטע אין נויט: אזוי-גערופענע 'מייקראָו' ביזנעסער – פירמעס מיט צען אדער ווייניגער ארבייטער – האבן באקומען איבער 98 פראצענט פון די גרענטס. עטוואס העכער פון 90 פראצענט פון די גרענטס זענען געגעבן געווארן פאר ביזנעסער אין די אייגנטום פון מינאריטעטן און פרויען ( minority- and women-owned

(business enterprise, MWBE און איבער 47 פראצענט פון די גרענטס זענען געגאנגען פאר ביזנעסער מיט באזונדערע געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע שטרויכלונגען. ביז היינט איז די דורכשניטליכע סומע פון א גרענט געווען $17,783.

**סטעיט סענאטארשע אנא מ. קאפלאן האט געזאגט,** "קליינע ביזנעסער זענען באזונדערס שווער באטראפן געווארן דורכאויס די פאנדעמיע, און דער 800 מיליאן דאלארדיגער פאנדעמיע קליינע ביזנעסער ערהוילונג גרענט פראגראם איז געווען א רעטונגס שטריק דורכאויס א שווערע תקופה. דער נייער קליינע ביזנעסער אינוועסטירונג פראגראם וועט העלפן שטיצן נייערע ביזנעסער וועלכע פארמעסטן זיך מיט אומפאראויסגעזעהענע אויסגאבן, און איך מוטיג קליינע ביזנעסער צו אויסנוצן דעם קריטיש-וויכטיגן פראגראם."

**אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן האט געזאגט,** "אלץ פארזיצער פון די עקאנאמישע אנטוויקלונג קאמיטע (Economic Development Committee) האב איך געקעמפט פאר אן אריינגעמנדע עקאנאמישע ערהוילונג פלאן וואס וועט אויסשטערקן פאר אונזערע פאמיליעס און ביזנעסער א האנט זיי צו העלפן. צוליב די פאנדעמיע האבן קליינע ביזנעסער זיך געמוטשעט, טייל האבן זיך פארמאכט און אנדערע וואקלען זיך נאך צווישן זיך פארמאכן און בלייבן אפן. די קליינע ביזנעסער, באזונדערס די וועלכע זענען אין עקאנאמיש-באזייטיגטע קאמיוניטיס אדער די וועלכע זענען אין אייגנטום פון מינאריטעטן זענען באטראפן געווארן פון קאוויד-19 נאך אפילו מער פון אנדערע. העלפן די קליינע ביזנעסער וועלכע זענען שווער באטראפן געווארן דורך די פאנדעמיע איז א הויפט פריאריטעט פאר מיר, און איך בין ערמוטיגט זעהענדיג דעם אינוועסטירונג גרענט פראגראם זיך עפענענדיג יעצט. די אינוועסטירונגען אין אונזערע קליינע ביזנעסער און אנדערע אינדוסטריעס וועלן העלפן פארזיכערן א יושר'דיגע און אריינגעמנדע עקאנאמישע ערהוילונג פאר יעדן."

**אסעמבלי מיטגליד על סטירפ האט געזאגט,** "איך קען נישט טראכטן פון א שווערערע צייט צו עפענען א קליינע ביזנעס פון קורצליך בעפאר די קאוויד-19 פאנדעמיע איז אנגעקומען און איבערגעדרייט אלעס פון אויבן אראפ. דער אינוועסטירונג גרענט פראגראם איז א קריטיש-וויכטיגע רעטונגס שטריק פאר אונזערע לאקאלע ביזנעסער און איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר שטארקע פירערשאפט אויף דעם. איך וועל פארזעצן צו קעמפן צו פארשטערקערן די קליינע ביזנעסער וועלכע שאפן דזשאבס און מאכן אונזערע קאמיוניטיס שטערקער."

א ברייטע ליסטע פון אלע פון די ESD'ס קאוויד-19 ביזנעס הילף פראגראמען איז פארעפנטליכט דא.

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור (www.esd.ny.gov). די מיסיע פון ESD איז צו שטיצן און אונטערהייבן אן אויפגעלעבטע און וואקסנדער עקאנאמיע, דערמוטיגן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפט פאר׳ן סטעיט און אירע מוניציפאליטעטן, און דערגרייכן סטאבילע און אויסגעברייטערטע ארטיגע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך דער הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט אויפזען די ניו יארק סטעיט ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון ״איי לאָוו ניו יארק״, דער סטעיט׳ס איקאנישער טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאונסילס און איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט www.regionalcouncils.ny.gov און www.esd.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418